STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11497

UNZER BUKH

Y.Y. Lifshits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. ליפשיץ

אונזער בוך

אַ לערנבוך פאַר אידיש

ערשטער טייל

דריטע אויפלאגע

ארויסגעגעבן דורך דעם

„מרכז לעניני חנוך"

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ. י.

אין יאָהר פינף טויזנט זיבן הונדערט דרייצען פון דער וועלט באשאפונג

UNSER BUCH

PART I **3rd EDITION**

Printed in U. S. A.

Copyright 1946 *by*

MERKOS L'INYONEI CHINUCH
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.

אינהאַלט:

זייט		זייט	
אלף בית	3	מאַך זאַצן און דערציילן	29
לעזע איבונגען	5	ווערטלעך	32
שפּראַך איבונגען	9	פאַרענדיק לויטן מוסטער	33
פאַרענדיק	10	ווען און וואָס	33
שפּראַך איבונגען	11	דער קליינער יצחק'ל	34
מאַך קורצע זאַצן	12	שפּראַך איבונגען	35
ווי ציילן מיר	13	בעני איז ברוגז	36
אין חדר	13	צער בעלי חיים	37
דעם רבין'ס מעשיות	14	דריי ראָלס און א בייגל	38
שפּראַך איבונגען	16	דער ווילדער פּרץ	39
ווי ציילן מיר	17	דער קליינער יצחק'ל (פאַרזעצונג)	41
היים אין הימל	17	שפּראַך איבונגען	42
אין שול	18	פאַרענדיק	42
שפּראַך איבונגען	21	דער קליינער יענקעלע	43
דער קליינער אברהם'לע	22	די קליינע קשיא פרעגערין	44
פאַרענדיק	23	כבד את אביך ואת אמך	46
ווער וואָס עס טוט	23	נטילת ידים	48
מאַך קורצע זאַצן	23	שמע ישראל	50
ווי ציילט מען	24	ברכות	52
אונזער חדר	24	מיטאָג צייט	54
דער קליינער אבהרם'לע (פאַרזעצונג)	26	די חנוכה ליכטעלעך דערציילן	57
צייל	28	דער פוקס און די פיש	60
פאַרענדיק	28	בייגעשטאַנען א נסיון	61
שפּראַך איבונגען	28	אברהם אבינו'ס שול	62
		רבי אליעזר בן הורקנוס	63

Printed in U. S. A. by Saphrograph Co.,
194 Elizabeth Street, New York 12, N.Y.

אָלֶף - בֵּית

א	בּ	ב	ג	ד	ה	ו
ז	ח	ט	י	כּ	כ	ך
ל	מ	ם	נ	ן	ס	ע
פּ	פ	ף	צ	ץ	ק	ר
שׁ	שׂ	תּ	ת			

הַנְּקֻדּוֹת

ָ	ַ	ֵ	ֶ	ְ	וֹ
קָמַץ	פַּתָח	צֵירֶה	סֶגוֹל	שְׁבָא	חוֹלָם
ִ	ֻ	וּ	ֳ	ֲ	ֱ
חִירִק	קֻבּוּץ (אוֹ שׁוּרֻק)	שׁוּרֻק (אוֹ מְלאוּפּם)	חֲטָף קָמֵץ	חֲטָף פַּתָח	חֲטָף סֶגוֹל

Alef	א א	א	אַלֶף
Bais	בּ	בּ	בֵּית
Vais	ב	ב	בֵית
Gimmel	ג	ג	גִמֶל
Dalet	ד	ד	דָלֶת
Hai	ה	ה	הֵא
Vov	ו	ו	וָו
Zayen	ז	ז	זַיִן
*Ch*es	ח	ח	חֵית
Tess	ט	ט	טֵית
Yud	י	י	יוּד
Kof	כּ	כּ	כַּף
*Ch*of	כ	כ	כַף
Final *Ch*of	ך	ך	כַף סוֹפִית
Lammed	ל	ל	לָמֶד
Mem	מ	מ	מֵם
Final Mem	ם	ם	מֵם סוֹפִית
Noon	נ	נ	נוּן
Final Noon	ן	ן	נוּן סוֹפִית
Same*ch*	ס	ס	סָמֶךְ
Ahyin	ע	ע	עַיִן
Pai	פּ	פּ	פֵּה
Fai	פ	פ	פֵה
Final Fai	ף	ף	פֵה סוֹפִית
Tsadik	צ	צ	צַדִיק
Final Tsadik	ץ	ץ	צַדִיק סוֹפִית
Koof	ק	ק	קוּף
Raish	ר	ר	רֵישׁ
Shinn	שׁ	שׁ	שִׁין
Sinn	שׂ	שׂ	שִׂין
Tov	תּ	תּ	תָּו
Sov	ת	ת	תָו

לעזע איבונגען

א.

קמץ אָ, אָ: אָט, דאָרט, האָט, וואָרט, זאָל,
טאָל, מאָל, פּאָרט, צאָל, קאָסט.

פּתח אַ, אַ: אַך, אַש, וואַנט, זאַל, טאַץ,
כאַפּט, מאַכט, נאַכט, קאַלט,
שאַלט.

סגל ע, ע: עס, בענטש, מענטש, בעט,
געלט, וועלט, יעצט, מעג, ערשט,
רעכט.



חיריק י: ייד־איד, ביז, גיט, דיר, היט, ווילָ, זיד, מיר, ניט, פּילָ, קינד, רינד.

צירה ײ: איין, ביין, גיין, ווײן, טײלָ, מיין, נײן, שײן, ריין, צײן.

וּ שורק ו: פּוּטער, מוּטער, ברוּדער, גוּט, פּרוּכט.

וֹ חולם וי: גרויס, הויד, אויף, קויף, רויד.

ײ: דײן, וויין, זיין, טייד, מיין, סיי, פּיין, צייט, קיי, רייד.

וו: וואָס, וואָד, וואַד, זאַד, ווילָ, ווערט, ווייד, ווייט, ווייטער, וואָס.

וואו: וואוהין, וואונדער, וואוינונג, וואוילָ, וואוינען, וואוילטאָג.

ב.

פּאָטער, מוּטער, ברוּדער, שוועסטער,

זון, טאָכטער, זיידע, באָבע, אייניקל, איידים, שנור, קינד, אינגל, מיידל, אָנקל־פֿעטער, טאַנטע־מומע, שוואָגער, שוועגערן, קוזין, קוזינע, שוועסטער־קינד, שווער, שוויגער, מחותנים, משפּחה־פֿאַמיליע.

ג.

גרויס, קליין, מיטלמעסיק, שיין, מיאוס, הויך, נידריק, ברייט, שמאָל.





איך, דו, ער, זי, מיר, איר, זיי, מיין־מיינע, דיין־דיינע, זיין־זיינע, איר־אירע, אונזער־אונזערע, אייער־אייערע, זייער־זייערע.

ד.

האָב, האָסט, האָט, האָבן, בין, ביסט, איז, זיינען, זייט, עסן, טרינקען, שלאָפֿן, ריידן, שווייגן, לערנען, לעזן־לייענען, שרייבן, גיין, שטיין, זיצן, אויפשטיין, ליגן, אַרומגיין, געזונט, קראַנק, גוט, שלעכט, אַ גוטער, אַ שלעכטער, אַ געראָטענער, קאָפּ, פּיס, הענט, אויגן, מויל, אויערן, נאָז, ליפּן, שטערן, פּלייצע, אַקסלען, אָרעמס, פינגער, פויסט, זייטן, קני.



שפּראַך־איבונגען.

א.

איך הייס אברהם. איך האָב אַ שוועסטער. זי הייסט שרה. איך האָב אויך אַ קלענערן ברודער'ל. ער הייסט יצחק. איך בין דער עלטערער ברודער. ער איז דער יינגערער. איך בין דער בכור. אונזער שוועסטער'ל שרה איז די יינגסטע אין דער משפחה. די מאַמע רופט איר: די מיזינקעלע. אַלע האָבן ליב שרה'לען. זי איז טאַקע אַ שיינינקע און אַ קלוגינקע מיידעלע. דערצו איז זי ניט צולאָזן.

ב.

איך הייס, דו הייסט, ער הייסט, זי הייסט, מיר הייסן, איר הייסט, זיי הייסן. איך האָב, דו האָסט, ער האָט, זי האָט, מיר האָבן, איר האָט, זיי האָבן.

איך בין, דו ביסט, ער איז, זי איז, מיר זיינען, איר זייט, זיי זיינען.

אַ ברודער — אַ ברודער'ל.

אַ שוועסטער — אַ שוועסטער'ל.

ג.

איך גיי שוין אין חדר דעם צווייטן יאָר. מיין ברודער'ל האָט ערשט אָנגעפאַנגען לערנען. אונזער



שוועסטער'ל איז נאָך צו יונג. זי איז נאָר דריי יאָר אַלט. איך בין שוין אַכט יאָר אַלט. יצחק'לען איז נאָר וואָס געוואָרן זעקס. איך קען שוין גוט עברי. איך הויב שוין אָן לערנען חומש און אויך יידיש־לעזן און שרייבן. אידיש איז אַנדערש ווי לשון הקודש. דער אלף־בית איז דער זעלבער, אָבער דער אויס־לייגן איז אַנדערש. איך קען שוין אויף אויסווייניק פילע ברכות ווי אויך מודה אַני, קריאת־שמע און בענטשן.

פאַרענדיק:

איך גיי, דו______, ער______, זי______, מיר גייען,
איך______, זיי______,
איך הויב אָן, דו הויבסט אָן, ער, זי______, מיר הויבן
אָן, איר______, זיי______.
איך לערן______, איך לעז______, איך שרייב______,
איך לייג אוים______.
איך קען, דו______, ער, זי______ מיר______.

פראַגן:

ווי רופט מען דיך? ווי אַלט ביסטו? האָסטו אַ ברודער? אַ שוועסטער? ווי אַלט איז דיין ברודער? דיין שוועסטער? ווי הייסט דיין ברודער? ווי הייסט דיין שוועסטער? גייען זיי אין חדר? וואָס לערנסטו אין חדר? וועלכע ברכות קענסטו שוין אויף אויסווייניק?

שפּראַך־איבונגען.

פאַרענדיק:

אַ פאָטער — מוטער. אַ זון ______. אַ ברודער ______.
אַ זיידע ______. אַ אינגל ______. אַן אָנקל ______.
אַ קוזין ______. גוט — שלעכט. געזונט ______.
רייך ______. גרויס ______. שיין ______.
נידריק ______. ברייט ______. איך — מיר.
דו ______. ער — אים. זי ______

מיין חדר איז ניט ווייט פון אונזער הויז. איך בין כמעט אַלע מאָל פון די ערשטע אין חדר. עס קלינגט דער גלעקל. מיר שטעלן זיך אויס אין אַ גלייכער שורה און גייען שטיל מיט דרך־ארץ אין חדר אַריין. דער רבי באַגריסט אונז מיט אַ פאָטער־

ליכן גוט־מאָרגן. מיר צוזעצן זיך אויף אונזערע ערטער. יעדער איינער פון אונז האָט זיך זיין פּלאַץ. דער רבי זאָגט אימער: „אַ חכם איז דער, וואָס דערקענט זיין פּלאַץ".

פראַגן:

וויפיל אַ זייגער שטייסטו אויף יעדן פרימאָרגן? וואָס טוסטו גלייך נאָכ'ן אויפשטיין? וואָס זאָגסטו נאָך דעם? וואָס פאַר אַ ברכה מאַכסטו פאַר'ן עסן? ווען קומסטו אין חדר אַריין? ווי אַזוי גייסטו אַריין אין חדר? וואָס זאָגט אימער דער רבי?

מאַך קורצע זאַצן פון די פאָלגנדע ווערטער:

אויפשטיין; פרי, טאָג, אַראָפּשפּרינגען, בעט, וואַשן, אָפּגיסן, זאָגן, פרישטיק, עסן, דאַווענען, אָנטאָן, ספרים, חדר, ווייט, הויז, כמעט, מאָל, ערשטער, גלעקל, אויס־שטעלן, שורה, דרך־ארץ, רבי, באַגריסן, פּאָטערליכער, זעצן, אָרט, איינער.

ווי ציילן מיר?

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין, צען.

ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער, פינפטער, זעקסטער, זיבעטער, אַכטער, ניינטער, צענטער.

א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י.

1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10.

אין חדר.

דער רבי זאָגט: עפנט, קינדער, אייערע סדורים. מיר מישן אויף שחרית און דאַווענען אַלע צוזאַמען אויפ'ן קול. איינער פון אונז איז דער חזן. דער גאַנצער קלאַס איז דער קהל. אַט אַזוי לערנען מיר זיך דאַווענען בצבור. מיר דאַווענען אַלע וואָרט ביי וואָרט, לאַנגזאַם, אָבער

גוט, אָן גרייזן. דער רבי זאָגט: דער עיקר איז די כונה. מען דאַרף אין זינען האָבען וואָס מען רעדט. דער רבי פאַרטייטשט אונז אַלע מאָל די תפילות. זיי זיינען אַזעלכע שיינע, אַזעלכע האַרציקע.

נאָכ'ן דאַווענען דערציילט אונז דער רבי וואונדער־שיינע מעשיות פון חומש. מיר זיצן אַלע ווי פאַרגאַפטע, ווי אין אַן אַנדער וועלט. דער רבי דערציילט אַזוי האַרציק־שיין.

דעם רבי'ס מעשיות:

די צווי ברידער.

קין און הבל זיינען געווען די ערשטע געבאָרענע קינדער אויף דער וועלט. זיי האָבן געהאַט אַלעס וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט. די גאַנצע וועלט איז געווען זייערע. הבל, דער אינגערער, איז טאַקע געווען צופרידן און זייער דאַנקבאַר צום אויבערשטן פאַר אַלעס. קין,

דער עלטערער, איז אָבער געווען אַ שלעכטער מענטש, און וואָס מער ער האָט געהאַט, אַלץ מער האָט ער געוואָלט.

איינמאָל האָט הבל געזאָגט צו קין׳ען: דער וואָס אין הימל טוט אונז יעדן טאָג אַזויפיל טובות. לאָמיר אים איין מאָל אַרויסווייזן אונזער דאַנקבאַרקייט און אים ברייגנען אַ „מנחה״ — אַ מתנה. הבל האָט געבראַכט פון די בעסטע פון זיינע שאָף, פון די פעטסטע. אָבער קין האָט, אַפילו, פון די פרוכט פון דעם אויבערשטנס ערד ניט פאַרגונען ברייגנען פון די בעסערע.

דער אויבערשטער פאַרלאַנגט ניט קיין מתנות פון מענטשן. ער וויל דער מענטש זאָל זיין גוט וועט אים, דעם מענטשן אליין, זיין גוט. דאַריבער האָט ער אָנגענומען הבל׳ס מתנה, אָבער ניט קין׳ס. קין׳ען האָט עס שטאַרק

פאַרדראָסן. ער איז נאָך גערעכט! פון גרויס קנאה איז ער אַריין געפאַלן אין אַ רציחה און דערהרג׳עט זיין אייגענעם ברודער הבל.

כעס, קנאה און שנאה זיינען די ערגסטע מידות אין אַ מענטשן. זיי ברייינגען אַלע צרות אויף דער וועלט, האָט דער רבי פאַרענדיקט.

פ ר אַ ג ן :

ווען דאַוונט מען שחרית? וואָס מיינט חזן? קהל? דאַוונען בצבור? אַ מנין? כונה? וואָס איז דער עיקר אין תפילה? ווי האָבן געהייסן די ערשטע צוויי קינדער אויף דער וועלט? צוליב וואָס האָבן זיי געבראַכט מתנות צום אויבערשטן? פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער ניט אָנגענומען קין׳ס מתנה? פאַרוואָס האָט קין געהרג׳עט הבל׳ן? וועלכע זיינען די ערגסטע מידות אין אַ מענטשן?

שפּראַך־איבונגען.

קינד — קינדער. סידור — סידורים. קול — קולות. חזן — חזנים. קלאַס — קלאַסן. וואָרט — ווערטער. גרייז — גרייזן. וועלט — וועלטן. האַרץ — הערצער. מענטש — מענטשן. הימל — הימלען. טאָג — טעג. פרוכט — פרוכטן. מתנה — מתנות. מידה — מידות. צרה — צרות.

ווי ציילן מיר?

עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן, פופצן, זעכצן, זיבעצן, אַכצן, ניינצן, צוואַנציק.

עלפטער, צוועלפטער, דרייצנטער, פערצנטער, פופצנטער, זעכצנטער, זיבצנטער, אַכצנטער, ניינצנטער, צוואַנציק־סטער.

איין־און־צוואַנציק, צוויי־און־צוואַנציק, דריי־און־צוואַנציק, פיר־און־צוואַנציק, פינף־און צוואַנציק, זעקס־און־צוואַנציק, זיבן־און־צוואַנציק, אַכט־און־צוואַנציק, ניין־און־צוואַנציק, דרייסיק, פערציק, פופציק, זעכציק, זיבעציק, אכציק, ניינציק, הונדערט.

י״א, י״ב, י״ג, י״ד, ט״ו, ט״ז, י״ז, י״ח, י״ט, כ׳.

11, 12, 13, 14, 15, 16, 17, 18, 19, 20.

חיים אין הימל.

דער קליינער דריי־יאָריקער שלמה׳לע איז געזעסן מיט זיינע עלטערן אויפ׳ן ברעג ים אין אַ הייסן זומער־טאָג. ער האָט באַטראַכט דעם געדיכטן רויך וואָס איז אַרויס געקומען פון די הויכע קוימענס פון דער נאָהענטער שטאָל־



פאַבריק. „דאָרט אין הימל מוז זיין זייער הייס״, האָט ער באַמערקט. „דער גאַנצער פייער, רויך און די היץ פון דער ערד גייט אַלץ אַרויף אין דער הויך, צום הימל. ווי קען דאָס דער אויבערשטער אויס־האַלטן אַזאַ היץ?״

אין שול.

שבת און יום־טוב גייען מיר אַלע אין שול דאַווענען. דער טאַטע, יצחק׳ל און איך גייען אין דער מאַנסבילשער־טייל פון שוהל. די מאַמע



און שרה׳לע גייען אין דער ווייבערשער. אין שול קומען נאָך פילע אַנדערע עלטערן מיט זייערע קינדער. יעדער איינער זיצט אויף זיין אָרט מיט אַ סידור אין האַנט און דאַוונט. מען דאַוונט מיט כונה, מיט האַרץ.

די קינדער זיצן אויך רוהיק מיט דרך־ארץ. אין חדר האָבן זיי געלערנט אַז אַ שול איז אַ מקום קדוש, אַ פּלאַץ וואו מען קומט דאַוונען, אויס־גיסן די האַרץ פאַר׳ן פאָטער אין הימל.

דאַריבער דאַרף מען זיך אויפפירן ווי מען שטייט פאַר אַ מלך.

פרייטיק־צו־נאַכט, ווען מיר קומען פון שול אַהיים, זינגען מיר אַלע צוזאַמען „שלום עליכם״. דער טאַטע האָט אונז דערציילט אַז מלאָכים באַגלייטן יעדן אידן פון שול אַהיים. דערפאַר זינגען מיר אַ „שלום עליכם״ צו די מלאָכים.

אויך די זמירות פרייטיק־צו־נאַכט זייַנען אַזעלכע זיסע און די שבת׳דיקע מאכלים אַזעלכע געשמאַקע. מען פילט ממש אין זיי דעם טעם פון שבת.

פ ר אַ ג ן :

פאַרוואָס זינגען מיר „שלום עליכם״ פרייטיק־צו־נאַכט?
פאַרוואָס טאָר מען אין שול ניט אַרום לויפן אָדער שטיפן?
וועלכע שבת׳דיקע ניגונים זיינען דיר באַקאַנט?

פרייטיק הייסט ערב שבת. די תפילות פון פרייטיק נאַכט הייסן: קבלת-שבת, מעריב. שבת אין דער פרי דאַוונט מען: שחרית און מוסף. מען לייענט אויך אין דער תורה די סדרה פון דער וואָך מיט דער הפטרה. אָפּטמאָל האַלט דער רב אַ דרשה שבת. — איך האָב אויך ליב צו הערן דעם רב׳ס דרשות. ער דערציילט פיל מאָל וואונדער-שיינע אגדות. בין מנחה למעריב עסט מען „שלוש-סעודות" און מען זינגט זמירות. אין שול איז טונקל און די זמירות דערוועקן אין האַרצן אַזאַ ביינקשאַפט נאָכ׳ן שבת וואָס געזעגנט זיך און גייט אַוועק. נאָך מעריב מאַכט מען הבדלה. דער רבי זאָגט אַז אַ גוטער איד פילט דעם טעם פון שבת אַ גאַנצע וואָך.

שפּראַך-איבונגען.

וואָס איז דער היפּוך פון די פאָלגענדע ווערטער?

גוט——. רייך——. מיאוס——. נידריק——. ברייט ——. כשר——. פלייסיק——. געזונט——. הונגעריק ——. קאַרג——. שטיין——. אויפשטיין——. לויפן——. ריידן——.

ווער ווייס:

ווען מאַכט מען קידוש? הבדלה? ווען דאַוונט מען שחרית? מוסף? מנחה? מעריב? ווען עסט מען שלש-סעודות? מלוה-מלכה?

דער קליינער אברהם׳לע.

אַמאָל, גאָר אַמאָל, האָט אין אור כשדים, אין אַרם־נהרים, געלעבט אַ מאַן מיט׳ן נאָמען תרח. ער האָט געהאַט אַ זון מיט׳ן נאָמען אברהם. זיין פריערדיקער נאָמען איז געווען אברם, וואָס מיינט אין לשון הקודש אַ הויכער — דערהויבענער פאָטער. שפּעטער האָט דער אויבערשטער צוגעגעבן אַ „הא״ צו זיין נאָמען: אַברהם אַנשטאָט אברם. דאָס מיינט אין לשון הקודש דער פאָטער פון מאַסן פעלקער.

נאָך איידער אברהם׳לע איז געבוירן געוואָרן האָבן דעם מלך נמרוד׳ס שטערן־זעערס געזען אויפ׳ן הימל אַ שטערן וואָס האָט איינגעשלונגען פיר אַנדערע שטערן פון אַלע פיר זייטן. זיי האָבן דעם מלך געזאָגט: דאָס ווייזט אַז בּאַ תרח׳ן וועט געבאָרן ווערן אַ זון וואָס וועט באַהערשן די וועלט.

נמרוד האָט געוואָלט אברהם׳לען טויטן, אָבער תרח האָט אים צוזאַמען מיט זיין מוטער

אויס־באַהאַלטן אין אַ הייל. און אַזוי ארום אים געראַטעוועט פון נמרוד'ס הענט.

פ ר אַ ג ן :

ווי האָט מען גערופן אַברהם'ס טאַטן? וואָס האָבן די שטערן־זעערס וועגן אים פאָראויסגעזאָגט? וואָס האָט דער מלך נמרוד געוואָלט צו אים טאָן? ווי אַזוי האָט תרח אים געראַטעוועט?

פ אַ ר ע נ ד י ק :

די מאַמע בענשט ליכט———. דער טאַטע זינגט——— שבת. דער טאַטע מאַכט———שבת און יום־טוב, און ———מוצאי־שבת און מוצאי־יום־טוב.

ווער וואָס עס טוט?

דער רבי? די תלמידים? דער חזן? דער קהל? דער רב? דער בעל־קריאה? דער בעל־תפילה? דער שמש?

מאַך קורצע זאַצן פון די פאָלגנדע ווערטער:

שבת, יום־טוב, שול, דאַווענען, זינגען, בענטשן, עלטערן, קינדער, כונה, דרך־ארץ, אַ ניגון, אַ מקום־קדוש, זמירות,

ליכט, לייכטער, ערב-שבת, מוצאי-שבת, קידוש, הבדלה, וויין, שלש-סעודות, שחרית, מוסף, מנחה, מעריב, דרשה, דרשה׳נען.

ווי ציילט מען ?

כ״א, כ״ב, כ״ג, כ״ד, כ״ה, כ״ו, כ״ז, - כ״ח, כ״ט, ל׳.
מ׳, נ׳, ס׳, ע׳, פ׳, צ׳, ק׳, ר׳, ש׳, ת׳.

21, 22, 23, 24, 25, 26, 27, 28, 29, 30, 40,
50, 60, 70, 80, 90, 100, 200, 300, 400.

אונזער חדר.

אין אונזער חדר זיינען דאָ פיל קלאַסן. קינדער הייבן אָן פון אלף־בית און ענדיקן מיט גמרא. פון חדר גייען די קינדער אַריבער אין דער ישיבה. באַ אונז אין חדר לערנט מען חומש מיט רש״י, נ״ך (נביאים, כתובים), לשון הקודש, אידיש, אידישע געשיכטע, דינים, אגדה, גמרא.

מיר הויבן אָן גיין אין חדר צו פינף־זעקס יאָר. דער רבי איז פאַר אונז ווי אַן אייגענער

טאַטע און מיר זיינען פאַר אים ווי אייגענע קינדער. מיר האָבן מורא און דרך־ארץ פאַר'ן רבי'ן. מיר האָבן אים אָבער ליב פאַר זיין גוטסקייט און האַרציקייט, באַזונדערס פאַר זיינע וואונדערבאַר־שיינע מעשיות פון חומש, נ"ך און תלמוד.

מיר גייען אין חדר כמעט אַלע טאָג. שבת באַטאָג האָבן מיר אַ מסבת־שבת. מיר קלייבן זיך אַלע צוזאַמען אין אַ גרויסן צימער אַרום געדעקטע טישן. יעדער איינער פון אונז ברייגנט מיט זיך זיין קלענערן ברודער'ל, אָדער אַ פריינט. מיר הערן דאָרט שיינע מעשיות וועגן שבת המלכה. מיר זינגען אַלע זמירות און פאַרברייגנען זייער געמיטליך. מיר פייערן אין חדר יעדן אידישן יום־טוב. דער רבי דערקלערט אונז די באַדייטונג פון יעדן יום־טוב, ווי אויך זיינע דינים און מנהגים.

דער קליינער אברהם׳לע (פֿאַרזעצונג).

ווען אברהם׳לע איז אַביסל אונטערגעוואַקסן האָט ער אָנגעהויבן בעאָבאַכטן אַלעס אַרום אים. ער האָט געזען אין זיין טאַטנ׳ס הויז פילע אָבגעטער, וועלכע זיין טאַטע האָט אַליין געמאַכט פון האָלץ, פון שטיין, פון גאָלד און זילבער. תרח האָט די אָבגעטער פאַרקויפט צו יעדן איינעם. אַלע האָבן געדיינקט אַז זיי קענען זיי העלפן און האָבן דאַריבער פאַר זייערע לעצטע געלט זיך אַ געטשקע איינגעשאַפט.

אברהם׳לע, אָבער, האָט זיך יעדן טאָג צו זיי אַלץ מער צוגעקוקט, ער האָט געזען ווי זיין פאָטער האָט זיי געמאַכט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַ שטיק האָלץ, שטיין, גאָלד, אָדער זילבער קען אַפילו זיך אַליין ניט העלפן, אַנדערע אוודאי ניט. ער האָט אָנגעהויבן פאָרשן און זוכן דעם אמת׳ן באַשעפער פון דער וועלט און פון אַלעס וואָס אויף דער וועלט.

ער האָט געזען די זון, די לבנה און די שטערן אויפ׳ן הימל און צוערשט געדיינקט אַז זיי האָבן די וועלט באַשאַפן. אָבער ווען ער האָט זיי געזען פון צייט צו צייט פאַרשווינדן האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס מוז זיין אַ וועלט־באַשעפער און אַ וועלט־פירער וואָס לעבט אייביק אָבער מיר קענען אים ניט זען.

אַט אַזוי האָט דער קליינער אברהם׳לע אויס־געפונען וועגן דעם אויבערשטן און מיט דער צייט געוואָרן דער לערער פון די מענטשן און דער פאָטער פון די אידן.

פ ר אַ ג ן:

וואָס לערנען מיר אין חדר? פאַרוואָס איז דער רבי באַ אונז ווי אַ טאַטע? וואָס איז אַזוינס אַ מסבת שבת? פאַר־וואָס האָבן די מענטשן געקויפט אָבגעטער באַ תרח׳ן? וואָס האָט אברהם׳לע יעדן טאָג געזען? וואָס האָט ער פאַרשטאַנען? וואָס האָט ער צו ערשט געדיינקט? וואָס האָט ער צום סוף אויסגעפונען? פאַרוואָס רופט מען אים „אברהם אָבינו״?

ציל:

פון איינס ביז צען. פון צען ביז צוואַנציק. פון צען ביז הונדערט אין צענדליקער. פון איינס ביז צען מיט אותיות. פון צען ביז צוואַנציק (מיט אותיות).

פאַרענדיק:

צווייטער, דריטער, ——————— צענטער
עלפטער, ———, ———, ———, ———, ———, ———, ———. וויפיל איז ג׳, ה׳, ח׳, י״א, י״ד, ט״ו, ט״ז, כ״ה, ל״ז, מ״ט, נ״ו, ס״ד, פ״ז, צ״ב, ק׳?

שפּראַך־איבונגען.

מיין בוך, דיין בוך, זיין בוך, איר בוך, אונזער בוך, אייער בוך, זייער בוך. מיינע ביכער, דיינע ביכער, זיינע ביכער, אירע ביכער, אונזערע ביכער, אייערע ביכער, זייערע ביכער. מיין סדור, דיין ———, ———, ———, ———, ———, ———, ———. מיינע סידורים, ———, ———, ———, ———, ———, ———.

מיין חומש ———————

איך האָב געלערנט, דו האָסט געלערנט, ער האָט געלערנט, זי האָט געלערנט, מיר האָבן געלערנט, איר האָט געלערנט, זיי האָבן געלערנט.

איך בין געגאַנגען, דו ביסט געגאַנגען, ער איז געגאַנגען, זי איז געגאַנגען, מיר זיינען געגאַנגען, איר זייט געגאַנגען, זיי זיינען געגאַנגען.

מאַך וואַצן און דערציי׳ל:

אַ הויז, אַ שטיבל, צימערן, אַ וואַנט, ווענט, פענסטער, טירן, אַ סופיט, אַ דיל, אַ קיך, אַן עס-צימער, אַ גאַסט-צימער, אַ שלאָף-צימער, אַ באָד-צימער, אַ וואַש-צימער, אַ קעלער, אַ טיש — טישן, אַ שטול — שטולן, אַ באַנק — ביינק, אַ סאָפאַ, אַן אָרם-שטול, אַ פוס-ביינקעלע, אַ שראַנק, אַ ביכער-שראַנק, אַ קליידער-שראַנק, אַ שפּייז-קאַמער, אַ בופעט, אַ היינג-לאָמפּ, אַ פוס-לאָמפּ, אַ שפּיל-צימער, אַ קינדער-צימער, ביכער, קליידער, שפּילצייג, אַ מזוזה, תפילין, אַ טלית, אַ טלית-קטן, ציצית, אַ סידור, אַ חומש, אַ מחזור, אַ תורה׳לע, אַ מזוזה׳לע, אַ לוח׳ל, אַ גמרא, אַ משניות, אַ ספר-תורה, קריאַת-שמע, מודה-אַני, אַ מזומן, אַ מנין, אַ שול, אַ בית-מדרש, אַן אָרון-קודש, אַ שלחן, אַן עמוד, אַ בימה, אַ חזן, אַ שמש, אַ רב, אַ גבאי, עליות: כהן, לוי, שלישי, רביעי, חמישי, ששי, שביעי, אַחרון, מפטיר, הפטרה, הוצאה, הגבהה, גלילה, הכנסה, פתיחת הארון. שחרית, קריאת-התורה, מוסף, מנחה, מעריב, קידוש, הבדלה. שבת, יום-טוב, ערב שבת, מוצאי-שבת, ערב יום-טוב, פסח, שבועות, ראש

השנה, יום-כפור, סכות, הושענא-רבה, שמיני-עצרת, שמחת-תורה, חנוכה, פורים, מצות, אַרבע-כוסות, מרור, חרוסת, כרפס, זרוע, ביצה, אפיקומן, הגדה, חמץ, ביעור-חמץ, מכירת-חמץ, בדיקת-חמץ, טל, חול-המועד, ספירה, ל״ג-בעומר, שלשת ימי הגבלה, ערב-שבועות, קבלת-התורה, תיקון ליל שבועות, מתן-תורה, חג-הבכורים, חג-הקציר, מגילת-רות, הזכרת נשמות, שבעה עשר בתמוז, תשעה-באָב, סליחות, שופר, תקיעות, לדוד אורי, חג-הזכרון, יום תרועה, יום הדין, תשליך, לשנה טובה תכתבו, צום-גדליי, עשרת-ימי-תשובה, כפרות, כל-נדרי, נעילה, סוכה, לולב, אתרוג, הדסים, ערבות, הושענות, הקפות. חדשים: תשרי, חשון — מר-חשון, כסלו, טבת, שבט, אדר ראשון, (אדר שני), ניסן, אייר, סיון, תמוז, מנחם-אָב, אלול, עשרה בטבת, חמשה עשר בשבט, תענית אסתר, משלוח-מנות.









אונזער בוך





ווערטלעד:

א. אָן ג-ט ניט קיין טראָט.
ב. בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל.
ג. גוטסקייט האָט קיין שיעור ניט.
ד. דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן.
ה. היינט טו און מאָרגן רו.
ו. וואו תורה דאָרט איז חכמה.
ז. זאָג מיר ווער דיין חבר איז, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביסט.
ח. חכמה אָן יראָה טויג ניט.
ט. טו דאָס וואָס עס איז גוט אויך פאַר דיין חבר.
י. יראַת שמים מוז קומען פריער פאַר חכמה.
כ. כאַפּ ניט, דו קענסט קריגן איבער די הענט.
ל. ליב דיין ברודער ווי זיך אַליין.
מ. מע טאָר ניט זיין איבער קלוג.
נ. נויט ברעכט אייזן.
ס. סוף גנב לתליי׳.
ע. עס און בענטש און זיי אַ מענטש.
פ. פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.
צ. צדקה איז מציל פון טויט.
ק. קענסט זיין אַ גאון אויב דו ווילסט נאַר.
ר. ריידן איז זילבער, שווייגן איז גאָלד.
ש. שעם זיך ניט פרעגן וועסטו ניט בלאָנדזשען.
ת. תורה איז די בעסטע סחורה.

פאַרענדיק לויטן מוסטער:

תורה איז די בעסטע סחורה.
היינט טו און———רו.
ליב דיין ח——— ווי זיך———.
ריידן איז———, שווייגן איז———.
בעסער——— איידער———.
פון———קומט קיין——— ניט אַרויס.
וואו תורה דאָרט——— ———.

פאַרענדיק:

פסח פאַלט אויס אין חודש———.
שבועות פאַלט אויס אין חודש———.
ראש-השנה פאַלט אויס אין חודש———.
יום-כפור פאַלט אויס אין חודש———.
סוכות פאַלט אויס אין חודש———.

ווען און וואָס?

עסט מען נאָר מצה? בענשט מען אתרוג? לייענט מען מגילת-אסתר? בלאָזט מען שופר? פאַסט מען און מען פאַרברייננגט דעם גאַנצן טאָג אין שול?

וואָס?

פרעגט אַ קינד פסח? טוט מען באַם טייך ראש-השנה? טראָגט מען צו הקפות שמחת-תורה? בעט מען יום-כפור? לייענט מען אין שול פורים? תשעה-באָב?

דער קליינער יצחק׳ל.

יצחק׳ל איז געווען אַ בן־יחיד צו זיין מאַמען, און אַהיים־באַליבט קינד צו זיין טאַטן. ווען ער איז געבאָרן געוואָרן איז זיין טאַטע אַברהם אַלט געווען הונדערט יאָר און זיין מאַמע שרה נײַנציק. ער איז געווען זייער ענליך צו זיין פאַטער אין זיין אויסזען. ווען ער איז אויס־געוואַקסן האָט ער אין אַלעם נאָכגעפאָלגט זיינע עלטערן.

זיין מאַמע האָט געציטערט איבער זיין יעדן טריט. איבערהויפּט האָט זי מורא געהאַט אַז ישמעאל׳קע, אברהם׳ס זון, פון זיין צווייטער ווייב הגר (אַמאָליקע יאָרן האָט אַ מאַן געמעגט האָבן מער ווי איין פרוי), זאָל יצחק׳לען ניט אַראָפּ־פירן פון גלייכן וועג. ישמעאל׳קע איז געווען אַ „פּרא־אָדם”. מיט אַלעמען פלעגט ער זיך קריגן און אויך, ניט זעלטן, זיך שלאָגן. אַלע האָבן אים פיינט געהאַט פאַר זיין ווילדקייט.

שרה האָט דאַריבער געבעטן אַוועק־שיקן ישמעאל'קען מיט זיין מוטער הגר. אַזוי איז יצחק'ל אויס־געוואַקסן ווי „אַ פויגעלע אין אַ נעסטעלע". זיין טאַטע דער צדיק און זיין מאַמע האָבן מיט זייער לעבן געוויזען אַ לעבעדיקן ביישפּיל זייער יצחק'לען ווי אַזוי אַ איד דאַרף לעבן אויף דער וועלט.

פראַגן:

פאַר-וואָס איז יצחק'ל געווען אַזוי טייער און באַליבט באַ זיינע עלטערן? פאַר-וואָס האָט מען ישמעאל'קען גערופן „פּרא-אָדם"? פאַר-וואָס דאַרף מען אַנטלויפן פון אַ שלעכטן חבר? פון וועמען דאַרף זיך אַ קינד אָפּלערנען?

שפּראַך־איבונגען.

איך וועל זיין. דו וועסט זיין. ער, זי וועט זיין. מיר וועלן זיין. איר וועט זיין. זיי וועלן זיין.

בעני איז ברוגז.

די מאַמע איז אַריין אין קיך און געטראָפֿן די קאַץ לעקט די מילך און בעני זיצט און קוקט אָן.

איז די מאַמע אין כעס געוואָרן און אויסגעשריען: פאַרוואָס טרייבסטו ניט אַוועק די קאַץ פון די מילך?

איך בין ברוגז אויף דער קאַץ, ענטפערט בעני, ווייל זי האָט מיך אַ דראַפּע געטאָן אין האַנט. איך רעד ניט צו איר . . .

פראַגן:

1. פאַרוואָס האָט בעני געלאָזן דער קאַץ לעקן די מילך?
2. דאַרף מען זיין ברוגז אויף אימיצן?

צער בעלי חיים.

רבי איז אַמאָל געגאַנגען אין גאַס. מען האָט געפירט אַ קאַלב צו דער שחיטה. האָט זיך די קאַלב אַרויס־געריסן און באַהאַלטן די קאָפּ אונטער רבי׳ס פּאָלע, אַזוי ווי עס וואָלט געזוכט דאָרט שוץ.

האָט רבי געזאָגט: גיי וואו מען פירט דיר ווייל דו ביסט דאַרויף באַשאַפן געוואָרן.

זיינען אויף רבי׳ן געקומען יסורים.

זעט ער איינמאָל ווי די דינסט קערט די הויז און וויל אַרויס־וואַרפן קליינע קעצעלעך אין דרויסן. זאָגט רבי צו איר: לאָז זיי, ס׳איז אַ רחמנות.

האָט מען זיך אויף אים אויך מרחם געווען מן השמים און ער איז געזונט געוואָרן.

פ ר אַ ג ן:

1. פאַרוואָס האָט די קאַלב באַהאַלטן די קאָפּ אונטער רבי׳ס פּאָלע?

2. האָט איר רבי באַשיצט?
3. פאַרוואָס זיינען אויף אים יסורים געקומען?
4. פאַרוואָס האָט ער ניט געלאָזען אַרויסוואַרפן די קע-צעלעך?
5. וואָס מיינט צער בעלי חיים?

דריי „ראָלס” און אַ בייגל.

משה איז געווען הונגעריק. די מאַמע האָט אים מיט־געגעבן געלט צו קויפן זיך עפּעס צום עסן. האָט ער זיך געקויפט אַ ראָל און עס אויפגעגעסן. ער איז נאָך אַלץ געווען הונגעריק. האָט ער געקויפט אַ צווייטן און אַ דריטן, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען הונגעריק. צום סוף האָט ער געקויפט אַ בייגל און זיך אָנגעגעסן.

— וואָס פאַר אַ נאַר איך בין, האָט משה געזאָגט. איך האָב אומזיסט אויסגעגעבן געלט אויף ראָלס. ווען איך קויף גלייך פון אָנהויב דעם בייגל, וואָלט איך באַלד זאַט געוואָרן...

פראַגן:

1. איז משה געווען אַ נאַר אָדער אַ קלוגער?

דער ווילדער פּרץ.

פּרץ איז געווען אַ ווילדער, שלעכטער אינגל. דער רבי האָט פון אים געהאַט פיל צרות. אויך די חברים זיינע האָבן פון אים פיל געליטן.

ער פלעגט טומלען, לאַכן און שטערן. ער פלעגט אויס־גיסן טינט אויף די ספרים, צו־רייסן די העפטן, אַלעס צו־ברעכן און נאָך שלאָגן די קינדער.

ווען דער רבי פלעגט פרעגן: ווער טומלט עס אַזוי, ווער האָט אויס־געגאָסן די טינט, ווער האָט צוריסן די ספרים? פלעגט פּרץ אימער ענטפערן: ניט איך! ניט איך!

איינמאָל איז דער רב געקומען אין חדר פאַרהערען די קינדער. האָט דער רב געפרעגט פּרצ'ן: ווער האָט באַשאַפן דעם הימל מיט דער ערד?

האָט פּרץ אויף אַ קול געענטפערט: ניט איך! ניט איך! אַלע האָבן אויס־געשאָסן אין אַ הויכן געלעכטער.

פּרץ האָט זיך פאַרשעמט און זיך צעוויינט.

פ ר אַ ג ן:

1. וואָס פאַר אַ צרות פלעגט פּרץ אָנמאַכן?
2. " פלעגט ער אימער זאָגן?
3. " האָט אים דער רב געפרעגט?
4. " האָט פּרץ געענטפערט?
5. פאַר וואָס האָבן אַלע געלאַכט?

דער קליינער יצחק'ל (פאָרזעצונג).

ווען יצחק'ל איז אונטער־געוואַקסן, האָט אים זיין טאַטע אברהם געפירט צו דער עקידה. דער אויבערשטער האָט געהייסן אברהם'ען נעמען זיין באַליבטן בן־יחיד און אים מקריב זיין צו ג־ט. ווען זיי זיינען געקומען אויפ'ן באַשטימטן פּלאַץ, האָט אברהם אויפגעבויט דאָרט אַ מזבח און געוואָלט מקריב זיין יצחק'לען פאַר אַ קרבן צו ג־ט.

אָבער דער אויבערשטער פאַרלאַנגט ניט קיין מענטש־קרבנות. דעריבער האָט ער צו־געשיקט אברהם'ן אַן איל (אַ באַראַן) מקריב צו זיין, אַנשטאָט יצחק'לען.

אונזער שופר איז געמאַכט געוואָרן פון אַ קרן איל (אַ באַראַן'ס האָרן) און דערמאָנט אונז די עקידת יצחק.

פראַגן:

1. פאַר וואָס האָט אברהם געפירט יצחק'ן צו דער עקידה?
2. וואָס פאַרלאַנגט ג-ט פון מענטשן?
3. וואָס דערמאָנט אונז די עקידת יצחק?

שפּראַך־איבונגען:

איך וועל שרייבן, דו וועסט שרייבן, ער, זי וועט שרייבן,
מיר וועלן שרייבן, איר וועט שרייבן, זיי וועלן שרייבן.

פאַרענדיק:

איך שרייב, דו———, ער———, זי ———, מיר———,
איר———, זיי ———. איך האָב געשריבן, דו———
———, ער——— ———, זי——— ———, מיר———
———, איר——— ———, זיי——— ———.
איך וועל שרייבן, דו——— ———, ער, זי——— ———, מיר
איר——— ———, זיי ——— ———.
שרייב, שרייבט, זאָל ער שרייבן, שרייבן — שרייבנדיק,
לייענען — לייענענדיק, טאָן — טוענדיק, גיין — גייענדיק.
איבערשרייבן, אויסשרייבן, אויפשרייבן, נאָכשרייבן, פאַר-
שרייבן, צושרייבן.

דער קליינער יענקעלע.

יענקעלע האָט געהאַט אַ צווילינג־ברודערל עשו׳קע.

יענקעלע איז געווען אַ שיינער, גלאַטער אינגעלע, שטיל און באַשידן, ממש דער היפּוך פון עשו׳קען.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט עשו׳קען, און די מאַמע — יענקעלען.

אַמאָל האָט דער טאַטע, יצחק, געשיקט עשו׳קען אין פעלד אַריין אויף יאַגד, און געזאָגט אַז שפּעטער וועט ער אים בענטשן.

די מאַמע רבקה האָט באַשלאָסן אַז איצט איז די בעסטע צייט צו קריגן דעם טאַטנ׳ס ברכות פאַר איר באַליבטן יעקב.

זי האָט צוגעגרייט גוטע מאכלים מיט ווײַן און געשיקט יעקב׳ן צום טאַטן. יצחק האָט אים געבענטשט: „ג־ט זאָל דיר געבן פון די טוי פון

הימל און פון די פעטקייט פון דער ערד און פיל קאָרן און וויין . . . די וואָס שעלטן דיר זאָלן זיין פאַרשאָלטן און די וואָס בענטשן דיר זאָלן זיין געבענטשט".

פראַגן:

1. פאַר וואָס האָט רבקה ליב געהאַט יענקעלען?
2. ווי אַזוי האָט יעקב געקראָגן דעם טאַטן'ס ברכות?
3. ווער זיינען אונזערע אבות?

די קליינע קשיא־פרעגערין.

די קליינע אסתר איז געווען באַוואוסט אין דער משפחה אַלס אַ „קשיא-פרעגערין". אויף יעדער זאַך האָט זי ליב געהאַט פרעגן אַ קשיא, ניט גלאַט אַזוי זיך, נאָר ווייל זי האָט געוואָלט עס פאַרשטיין.

איינמאָל האָט זי געפרעגט דער מאַמען: פאַרוואָס, מאַמעלע, מוז איך יעדן פרימאָרגן זאָגן מודה אני? וואָס מיינט מודה אני?

איך קלוגע מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:
„נאָך אַ גאַנצן טאָג שפּילן און לערנען ווערסטו פאַרמאַטערט.
ווי נאָר דו לייגסט זיך אין בעט, ווערסטו באַלד אַנטשלאָפן, —
ניט אַזוי?"

— געוויס אַזוי, מאַמע, האָט אסתר׳קע געענטפערט.
אָבער אין דערפרי שטיי איך אויף אַן אויס־גערוטע, אַן אָפּ־
געפרישטע, פול מיט נייע כחות צום לערנען און שטיפן.
אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט ׳מודה אני׳?

— „דו זעסט, מיין קינד, ווען מיר זאָגן מודה אני, דאַנקען
מיר ג-ט פאַר דעם נס וואָס טרעפט אונז יעדן טאָג. מיר לייגן
זיך שלאָפן פאַרמאַטערט און דערשעפּט און כאַפּן זיך אויף
דערפרישט און פול מיט ענערגיע און נייע כחות. מיר ווייסן
אַז דאָס איז אַלעס פון ג-ט און דערפאַר דאַנקען מיר אים" —
האָט געענטפערט די מאַמע.

די קליינע קשיא־פרעגערין האָט זיך דערפרייט און האָט
צוזאַמען מיט דער מאַמען איבערגעזאָגט:

מודה אני — איך דאַנק דיר, לעבעדיקער, אייביקער קעניג,
וואָס האָט מיט רחמנות אין מיר אומגעקערט מיין נשמה;
גרויס איז דיין באַגלויבטקייט.

פראַגן:

1. פאַרוואָס האָט מען גערופן אסתר'ן די „קשיא-פרעגערין"?
2. פאַר'וואָס פלעגט זי פרעגן אזוי פיל קשיא'ס?
3. פאַרוואָס דאַרף מען זאָגן מודה אני יעדן פרימאָרגן?
4. קענסטו מודה אני אויף אויסווייניק?
5. קענסטו פאַרטייטשן מודה אני?

כבד את אביך ואת אמך.

די צוויי קליינע אינגלעך זיינען געווען אַזוי פאַרטיפט אין זייער מעשיות־בוך, אַז זיי האָבן ניט געהערט ווי מאיר'ס מאַמע איז אַריין אין צימער.

מאיר האָט אָבער גלייך אַ שפרונג געטאָן צו העלפן זיין מאַמען און געזאָגט: מאַמע, דו ביסט זיכער פאַרמאַטערט. קען איך עפעס טאָן פאַר דיר?

— „אַ דאַנק דיר, מיין קינד, האָט מאיר'ס מאַמע געענטפערט. שפיל זיך דערווייל. אין אַ

האַלבע שעה אַרום וועסטו גיין אין גאַס עפּעס איינצוקויפן פאַר מיר״.

ווען די מאַמע איז אַרויס, האָט מאיר זיך אָפּגערופן צו זיין חבר דוד: דו ווייסט, דוד, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אונזערע בעסטע פריינט אויף דער וועלט. שטענדיק זאָרגן זיי נאָר פאַר אונז און זוכן מיט אַלע כחות אונז גליקליך מאַכן. מיר מוזען שטענדיק אָפּהיטן די מצוה פון כבוד אָב ואם. מיר מוזן זיי באַהאַנדלען ווי אַ מלך מיט אַ מלכה.

פראַגן:

1. וואָס טוען טאַטע-מאַמע פאַר זייערע קינדער?
2. וואָס דאַרפן קינדער טאָן פאַר זייערע עלטערן?
3. וואָס מיינט כבוד אָב ואם?

נטילת ידים.

די הענט וואַשן אין דער פרי

חנה און יוסף זיינען אַמאָל געשטאַנען ביים פענסטער און אונגעדולדיק אַרויס געקוקט אויפן גאַס. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן יום-טוב׳דיק. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ גאַסט. זייער באַליבטע מומע לאה קומט היינט צו זיי אויף אַ באַזוך.

דער טיר גלעקל האָט אָנגעהויבן קלינגען אוןביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן עפנען די טיר. די מומע לאה האָט באַגייסטערט אויסגערופן: איר זייט ביידע אַן עין הרע אויס-געוואקסן! ווי שיין איר גייט אָנגעטאָן!

נאָכדעם ווי די מומע לאה האָט געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט זייערע עלטערן, האָט זי זיך געווענדעט צו די קינדער: איר ווייסט דאָך אַז איך בין אַ לערערין. לאָמיר זען וואָס מיינע ליבלינגס האָבן לעצטנס געלערנט.

טרעפט, מומע, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו טאָן אין דער פרי? האָט יוסף געהיימניספול געזאָגט.

די מומע, האָט זיך געמאַכט קלערנדיק, ווי זי ווייסט עס ניט, חנה האָט זיך אַרויסגעכאַפּט: מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו וואַשן די הענט אין דער פרי.

פארן שלאָפן גרייט דער טאַטע פאַר אונז אָן אַ קרוג מיט וואַסער ניט ווייט פון בעט. גלייך ווי מיר כאַפּן זיך אויף נעמען מיר דעם קרוג אין דער רעכטער האַנט און גיבן עס איבער צו דער לינקער האַנט. מיר לייגן צוזאַמען די פינגער פון דער רעכטער האַנט און גיסן אויף איר וואַסער און דערנאָך נעמען מיר דעם קרוג אין דער רעכטער האַנט און גיסן אַזוי וואַסער אויך אויף דער לינקער האַנט. און אַזוי בייטן מיר ווייטער דעם קרוג פון האַנט צו האַנט ביז מיר וואַשן יעדע האַנט דריי מאָל. דאָס רופן מיר אָן אָבגיסן „נעגל וואַסער".

די מומע לאה איז געווען באַגייסטערט.

יוסף האָט אויך פאַרטייטשט „מודה אני" און דערקלערט די באַדייטונג פון וואַשן נעגל וואַסער.

ווען מיר טוען זאַכן ווי ג-ט האָט געבאָטן צייגן מיר דערמיט אַז מיר ליבן אים און פאַרשטייען אַז ער האָט די וועלט באַשאַפן און אונז געגעבן מצוות.

פראַגן:

1. אויף וועמען האָבן חנה און יוסף געוואַרט?
2. וואָס האָבן זיי דער מומען דערציילט?
3. ווי אַזוי דאַרף מען וואַשן די הענט אין דער פרי?

שמע ישראל.

„דערציי̇ל מיר אַ מעשה וועל איך גיכער קענען איינ־שלאָפן”, האָט זיך מרים געבעטן ביי איר טאַטן, ווען ער איז אַריין פאַרלעשן די ליכט אין איר צימער.

„ווייסטו, וואָס עס מיינט ,שמע ישראל‘, וואָס דו לייענסט יעדע נאַכט? „שמע ישראל” איז געשריבן אין אונזער הייליקער תורה. צו יעדער צייט האָבן די אידן געפונען אין שמע ישראל טרייסט און באַגייסטערונג, אַפילו אין די ערגסטע צייטן”.

אַלע אידן איבער דער גאַנצער וועלט לייענען שמע ישראל — „הער זיך צו, ישראל, — ג־ט, אונזער ג־ט, ג־ט איז איינער”!

מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן מענטשן נאָך ניט גע־וואוסט אַז עס איז דאָ אַ ג־ט אויף דער וועלט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלעמען און אַלעס, גיט שכר צו די גוטע און באַשטראָפט די שלעכטע, ליבט יושר און גערעכטיקייט און האָט רחמנות אויף אַלעם און אַלעמען.

אברהם אבינו איז געווען דער וועלכער האָט עס געלערנט דער וועלט. מיר האָבן עס גערירש׳נט פון אברהם׳ן. צו יעדער צייט און אין יעדעס לאַנד, האָבן מיר אונזער איינציקן

ג-ט און אונזער גלויבן פראָקלאַמירט פאַר דער וועלט. מיט „שמע" אויף זייערע ליפּן האָבן אונזערע קדושים מוטיק באַגעגנט דעם טויט. נאַכט ווי טאָג חזר׳ט יעדער איד איבער דיזע תפלה צו ווייזן אַז ער גלויבט אין ג-ט און איז גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר זיין הייליקן וואָרט".

מרים האָט פאַרמאַכט די אויגן און געלייענט שמע, דערנאָך האָט זי אַרומגענומען איר טאַטן, געקושט אים אַ גוטע נאַכט און גליקליך איינגעשלאָפן.

פראַגן:

1. וואו שטייט געשריבן די תפילה פון שמע?
2. פאַר וואָס איז „שמע" אַזוי הייליק און טייער דעם אידן?
3. וואָס האָט אברהם אבינו געלערנט דער וועלט?
4. קענסטו שמע אויף אויסווייניק?

ברכות.

סעמעלע האָט גענומען אַ רויטן זאַפטיקן עפּל פון פרוכט-שיסל און האָט אַ ביס געטאָן.

„או-או, האָט די מאַמע געזאָגט, דו האָסט עפּעס פארגעסן״!

„איך טראָג אַ היטל, מאַמע. איך ווייס, אַ אידישער אינגל טאָר ניט עסן אָן אַ היטל״.

„ניין, סעמעלע, דו האָסט עפּעס אַנדערש פאַרגעסן, אַ זאַך וואָס דו האָסט דאָ ניט לאַנג געלערנט״.

„אָ, יע, איך האָב זיך דערמאָנט, איך האָב פאַרגעסן מאַכן אַ ברכה. קען איך נאָך יעצט מאַכן די ברכה?״

„יע, דו קענסט שטענדיק מאַכן די ברכה, ווען דו עסט, אויב דו האָסט פאַרגעסן מאַכן גלייך פון אָנהויב״.

סעמעלע האָט געמאַכט די ברכה, הויך אויפן קול, האָט נאָך אַ ביס געטאָן דעם עפּל און געזאָגט: „זעהסט, מאַמעלע, איך קען די ברכות אויף אויסווייניק״.

„זייער פיין, סעמעלע, אָבער ווייסטו וואָס די ברכות באַדייטן?״

„זיכער, מאַמעלע, מיר דאַנקען ג-ט פאַר די שפּייז וואָס ער גיט אונז״.

„ריכטיק, מיין טייערער, אונזער שפייז קומט פון דער ערד.

ג-ט האָט באַשאַפן די וואונדערבאַרע ערד און אַלעס וואָס אויף איר. ג-ט מאַכט וואקסן פון דער ערד. ער שיקט רעגן און זון-שיין אין דער צייט. אַלעס איז פון ג-ט און מיר דאַרפן דערפאַר אים דאַנקען יעדן מאָל ווען מיר געניסן פון זיינע מתנות.

אויב דו ווילסט אַלעמאָל וויסן ווי צו מאַכן אַ ברכה, ניץ דיין בענטשערל. דו וועסט אין אים געפינען ברכות אויף ברויט, וויין, פרוכט, גרינסן, געטראַנקען און נאַשערייען. דו קענסט דעם בענטשערל אימער טראָגן אין קעשענע און דו וועסט אין אים צו יעדער צייט געפינען וואָס פאַר אַ ברכה דו דאַרפסט זאָגן באַ יעדער געלעגענהייט״.

„אַ דאַנק דיר, מאַמעלע, האָט סעמעלע געזאָגט, פאַר דער שיינער מתנה וואָס דו האָסט מיר געגעבן. דער בענטשערל וועט מיר אַלעמאָל דערמאָנען צו דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר זיינע מתנות וואָס ער גיט אונז״.

פראַגן:

1. וואָס פאַר א ברכה מאַכט מען אויף ברויט? קייק? וויין? חלה? עפל? געטראַנקען? גרינס? מילך? אייז-קרים?

מיטאָג־צייט.

שרה איז אַריינגעלאָפן אין הויז פאַרסאָפּעט מיטאָג־צייט.

„דאָס איז געווען אַ זעלטענע שפּיל. רות שפּילט נאָך. איך וואַש זיך אײַן און גיי עסן".

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, אויך דער אָנקל נתן. אָבער רות איז נאָך ניט צוריקגעקומען פון שפּילן.

ענדליך, איז זי אויך אַריינגעקומען. „דו האָסט אונז אַלעמען פאַרהאַלטן מיט דײַן שפּילן. וואַש זיך און גיי עסן", האָט די מאַמע געזאָגט.

„איך בין אַזוי הונגעריק". האָט רות געזאָגט.

זי האָט זיך שנעל געוואַשן, געזעצט צום טיש און אָנגעשמירט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און געכאַפּט עסן. זי האָט, זעט אויס, ניט באַמערקט אַז קיינער עסט נאָך ניט.

שרה האָט שטילערהייד געזאָגט, „מאַמע, קען איך דיר העלפן דערלאַנגען צום טיש"?

„יע, טײַערע, קום העלף מיר דערלאַנגען די פיש". דער ערשטער געריכט איז געווען אויפן טיש. שרה האָט געוואַרט

ביז די עלטערע האָבן אָנגעהויבן עסן. רות האָט דערווייל מיט אַ פולן מויל געהאַלטן אין איין רעדן.

„רות, האָט די מאַמע שטרײַנג געזאָגט, האָב איך דיר ניט פיל מאָל אָנגעזאָגט אַז דו זאָלסט ניט רעדן אין מיטן עסן?"

רות האָט אויפגעהערט רעדן. זי איז אַרויס פון טיש און געבראַכט אַ „קאָמיקס"-בוך. „ביז מען וועט דערלאַנגען די צווייטע שפּייז, וועל איך דערווייל עפּעס לייענען", האָט זי געזאָגט.

„רות, דערלאַנג מיר, ביטע, די זאַלץ", האָט שרה געבעטן שטילערהייד.

„איך לייען יעצט, דערלאַנג עס אַליין".

„שרה איז גערעכט", האָט דער טאַטע געזאָגט, „עס איז ניט שיין זיך אַריבערבויגן איבערן טיש עפּעס צו דערלאַנגען".

ווען מען האָט דערלאַנגט גרינס-זופּ האָט רות זיך פאַרקרימט. זי האָט אויף שנעל אָבגעגעסן איר קאָמפּאָט און אַוועק צוריק זיך שפּילן.

שרה האָט אָבער פריער געהאָלפן אַראָפּנעמען פון טיש, האָט אויסגעווישט די כלים, און נאָכהער אַוועק זיך שפּילן.

יענעם אָוונט, ווען אַלע זײַנען געזעסן מיטן אָנקל אין זאַל, האָט דער אָנקל זיך אָבגערופן:

„איך האָב באַשלאָסן אויף דיזן זומער אַוועקשיקן איינע פון די מיידלעך אין קעמפּ אויף מיין רעכנונג, צוזעענדיק היינט וואָס עס איז ביים טיש אָנגעגאַנגען, האָב איך דאַריבער אויסגעקליבן שרה׳ן. איך ווייס אַז רות וועט זיין אַנטוישט, אָבער עס איז איר אייגענע שולד״.

יענע נאַכט האָט שרה געחלום׳ט וועגן „קעמפּ״, און רות איז געלעגן אין בעט און געוויינט. זי האָט באַשלאָסן פון היינט אָן זיך אויסבעסערן און זיך בעסער אויפפירן.

פראַגן:

1. ווי אַזוי דאַרף מען זיך אויפפירן ביים טיש?
2. ווי האָט זיך שרה אויפגעפירט?
3. ווי אַזוי האָט זיך רות אויפגעפירט?
4. וועמען האָט דער אָנקל נתן געשיקט אין קעמפּ?



די חנכה־ליכטעלעך דערציילן.

עס איז געווען חנכה. אין דרויסן איז געווען אַ שניי־שטורעם. אין הויז איז געווען וואַרעם און פריילעך.

דער קליינער יענקעלע איז שוין געווען פאַרמאַטערט צו שפּילן אין דריידל מיט זיין שוועסטערקע. ער האָט זיך צוגעזעצט צו די חנכה־ליכטעלעך.

ער האָט געוואוסט אַז מען טאָר זיך ניט באַנוצן מיט דער ליכט פון די חנכה־ליכטעלעך. אָבער זיך איינקוקן אויף זיי מעג מען.

מיט אַמאָל האָבן די ליכטעלעך אָנגעהויבן רעדן צו יענקעלען און דערציילן אים געשיכטעלעך. מיט גרויס פאַרוואונדערונג איז ער געזעסן און זיך צוגעהערט. און אָט וואָס די ליכטעלעך האָבן אים דערציילט.

„אויך אין אונזער צייט איז אַ גרויסער אכזר, אַ טיראַן אויפגעשטאַנען. זיין נאָמען איז געווען היטלער. ער האָט

דערקלערט מלחמה דעם אידישן פאָלק און דער אידישער תורה.

פאַרשיכור׳ט פון זיינע ערשטע נצחונות האָט היטלער-„שיקלגרובער” אָנגעהויבן מאָרדן, ברענען און פייניקן די אידן אין יוראָפּ, פילע פון זיי האָט ער פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן.

אין איין קאָנצענטראַציע-לאַגער אין פראַנקרייך האָט זיך געפונען אַ רב, אַ הייליקער מאַן. ער איז אימער געווען אויף זיינע פיס, געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, געטרייסט גע-מונטערט און געשטאַרקט זייערע הערצער מיט ג-ט׳ס וואָרט.

חנכה איז אָנגעקומען. דער הייליקער רב האָט אָפּגע-שפּאָרט געגוג אויל פון זיין עסן צו אָנצינדן אַ חנכה-ליכטל. פון אַ מער (קאַראָט) האָט ער געמאַכט אַ בעכערל און פון אַשטיקל פון זיין קאַפּאָטע אַ קנייטל.

פינסטער איז געווען אין באַראַק. ווי אַ קול פון הימל אַזוי האָט זיך דערהערט דעם הייליקן רב׳ס שטימע:

„מיינע טייערע ברידער, היינט איז די ערשטע נאַכט חנכה. איך גיי אָנצינדן די ערשטע ליכטל. הערט זיך אַלע איין די ברכות און ענטפֿערט אמן”.

נאָכ׳ן אָנצינדן די ליכטל האָט דער רב געזאָגט: „טייערע ברידער! די נאַכט טאָר מען ניט וויינען, ניט פאַרצווייפלען.

די חנוכה-ליכטעלע ברייינגט אונז ליכט און האָפנונג. אונזערע עלטערן האָבן איבערגעלעבט אַנטיוכוס הרשע, מיר וועלן איבערלעבן היטלער הרשע!"

און אַזוי איז געווען.

היטלער ימח שמו האָט א מיתה משונה איינגענומען. דער הייליקער רב מיט זיינע ברידער, פון „קעמפּ" זיינען גע-ראַטעוועט געוואָרן פון די הענט פון היטלער'ס הענקערס.

פ ר אַ ג ן :

1. וואָס פאר אַ רשע איז אויפגעשטאַנען אין אונזער צייט?
2. וואָס האָט ער געוואָלט טאָן צו די אידן?
3. וואו האָט דער רב גענומען אויל און אַ מנורה אין „קעמפּ"?
4. וואָס האָט ער געזאָגט צו זיינע ברידער?

דער פוקס און די פיש.

אַ פוקס איז אַמאָל געגאַנגען אויפֿן ברעג טייך. ער האָט דערזען ווי די פיש לויפן ווי צושראָקענע אהין און אַהער אין וואסער. רופט ער זיך אָן צו זיי: „פאַרוואָס לויפט איר אַזוי אַרום צושראָקענע״?

ענטפערן די פיש: „מיר לויפן אין שרעק פון נעצן וואָס מענטשן פאַרשפּרייטן אין וואַסער אונז צו כאַפּן״.

זאָגט צו זיי דער פוקס: „קומט אַרויף אויף דער יבשה און מיר וועלן לעבן צוזאַמען ווי מיינע עלטערן און אייערע עלטערן האָבן געלעבט״.

ענטפערן אים די פיש: „דו ביסט דאָך דער פוקס, דער קליגסטער פון די חיות. אָבער דו ביסט אַ גרויסער טפּש, זאָלסטו אונז מוחל זיין.

מה-דאָך אין וואַסער, וואו מיר לעבן און אָטעמען פריי, שרעקן מיר זיך אַזוי פיל, בפרט נאָך אויף דער יבשה וואו עס דערוואַרט אונז אַ זיכערער טויט וועלן מיר דאָך דאָרטן זיכער נאָכמער מורא האָבן !״

פ ר אַ ג ן :

1. פאַר וואָס האָבן די פיש אַזוי מורא געהאָט ?
2. וואָס פאַר אַ עצה האָט דער פוקס זיי געגעבן ?
3. פאַר וואָס האָבן די פיש אים ניט געפאָלגט ?
4. וואָס האָט דער פוקס געמיינט מיט זיין עצה ?

בייגעשטאַנען אַ נסיון.

אבא אומנא איז געווען אַ דאָקטאָר. ער פלעגט באַ זיינע קראַנקע קיין געלט ניט נעמען. אַ פּושקע איז געהאַנגען אויפן וואַנט און וויפיל איינער האָט געוואָלט האָט ער אַהין אַריינגעוואָרפן. פאַרקערט, אבא אומנא פלעגט נאָך זיי געבן געלט אויף קויפן עסן.

איינמאָל זיינען צו אים געקומען צוויי תלמידי־חכמים צו אויספראוון אים. ער האָט זיי צו זיך אַריינגענומען, געגעבן עסן און טרינקען און בעטן צום שלאָפן.

אין דער פרי האָבן זיי צוגענומען די בעט־געוואַנט און אַוועקגעטראָגן אין מאַרק פאַרקויפן. אבא אומנא האָט זיי אָנגעטראָפן אין מאַרק. האָבן זיי אים אָנגעבאָטן אָפּקויפן זיינע אייגענע בעט־געוואַנט.

צום סוף האָבן זיי זיך מודה געווען אַז דאָס איז זיינע. זיי זיינען נאָר געקומען אים אויספראוון.

ער האָט אָבער זיין בעט־געוואַנט ניט געוואָלט צוריק נעמען אָן געלט. ער האָט דאָס געלט אַוועקגעשייגקט אויף צדקה.

פ ר אַ ג ן :

1. וויפיל פלעגט דער דאָקטאָר אבא אומנא רעכנען פאַר אַ וויזיט?
2. ווי אַזוי האָבן אים די תלמידי חכמים אויסגעפּראוווט?

אברהם אָבינו׳ס שול.

אין חברון איז דאָ אַן אַלטע שול וואָס הייסט אברהם אָבינו׳ס שול.

מיט פיל פיל יאָרן צוריק זיינען נאָך אין חברון ניט געווען קיין מנין אידן. נאָר שבת און יום-טוב פלעגט זיך אויפקלייבן אַ מנין אידן פון אַרומיקע דערפער.

איינמאָל ערב יום-כפור האָבן זיי געהאַט ניט מער ווי ניין אידן. די אידן פון די אַרומיקע דערפער זיינען אַוועק אויף יום-כפור קיין ירושלים. די חברון׳ער אידן האָבן דערפון געהאַט גרויס צער און ביטער געוויינט.

ווען די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן האָט זיך פלוצלונג באַוויזן אַן אַלטער מאַן. די חברון׳ער אידן האָבן זיך זייער דערפרייט מיט׳ן גאַסט. יעדער איינער האָט אים געוואָלט נעמען צו זיך אויף פאַרפאַסטן. אָבער ער האָט זיך אַנטזאַגט.

מוצאי יום-כפור איז געוואָרן אַ מחלוקת צוליב דעם גאַסט ווייל יעדערער האָט אים געוואָלט צו זיך נעמען. זיי האָבן געמאַכט אַ פשרה אַז מען זאָל וואַרפן גורל. דער גורל איז געפאַלן אויפן חזן. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיטן גרויסן כבוד. אָבער ווען זיי זיינען געקומען אַהיים, איז דער אורח פלוצלונג נעלם געוואָרן און מען האָט אים אין ערגיץ ניט געקענט געפינען. דער חזן האָט דערפון געהאַט גרויס צער.

די זעלבע נאַכט איז דער זקן געקומען דעם חזן צו חלום און אים דערציילט אַז ער איז אַברהם אָבינו. ער האָט ניט געקענט צוזען ווייער צער איז ער געקומען משלים זיין זייער מנין. דער חזן האָט עס דערציילט די איבעריקע אידן. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט און אַ נאָמען געגעבן די הויז וואו זיי האָבן געדאַוונט אַברהם אָבינו׳ס שול.

רבי אליעזר בן הורקנוס.

צוויי און צוואַנציק יאָר איז אליעזר אַלט געווען און ער האָט נאָך קיין תורה ניט געלערנט. זיין טאַטע איז געווען אַ רייכער פאַרמער, דאָך האָט אליעזר אַליין געאַרבעט אין פעלד.

איינמאָל האָט אים זיין טאַטע הורקנוס געטראָפן אַ פאַרוויינטן אין פעלד. האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט. פון אָנהויב האָט אליעזר אים ניט געוואָלט זאָגן. ווען ער איז אָבער צו אים צוגעשטאַנען האָט ער מיט אַ געוויין אים געענטפערט אַז ער וויל לערנען תורה. זיין טאַטע האָט אויף אים אָנגעשריען און געזאָגט: „דו וועסט חתונה האָבן און האָבן אייגענע קינדער וועסטו זיי שיקן לערנען".

אַזוי האָט אליעזר ווייטער געאַרבעט און געוויינט ווייל ער האָט זייער געוואָלט גיין קיין ירושלים לערנען תורה בא

רבי יוחנן בן זכאי, אָבער ווי קען ער איבערלאָזן זיין אַלטן פאָטער אויף דער עלטער?

איין טאָג איז זיין קו אין מיטן אַקערן געפאַלן און צובראָכן אַ פוס. האָט אליעזר געזאָגט: „דאָס איז פאַר מיין טובה וועגן". ער איז אַנטלאָפן קיין ירושלים און זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש פון ר' יוחנן בן זכאי. ער האָט געלערנט מיט גרויס חשק און געדולד, ניט קוקנדיק דאַרויף וואָס אים איז אויסגעקומען צו ליידן הונגער און נויט, ווייל זיין טאַטע האָט פון אים ניט געוואָלט הערן און געדיינקען.

אַזוי האָט ער אָפּגעלערנט אַ צייט ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער תלמיד חכם. ער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרן זכרון. ווען דער אַלטער הורקנוס האָט זיך דערוואוסט אַז דער גרויסער תנא רבי אליעזר בן הורקנוס איז ניט קיין אַנדערער ווי זיין אייגענער „פאַרמער-באָי", האָט ער אים אוועקגעגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן.